Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 10, נומער 2 (47)
כּיסלו תשס״ה/דעצעמבער 2004

# אין קלאַס אַרײַן !

## צוויי קלאַסן ווו פֿיר־ ביז עלף־יאָריקע קינדער רעדן, זינגען, לייענען און שרײַבן אויף ייִדיש

שוין אַ פּאָר יאָר ווי עס עקזיסטירט אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער אַ קינדערשול (זעט *טעם־טעם* נומ׳ 33, פֿון אַפּריל 2002). נאָר הײַיאָר[1] האָט זי באַקומען אַ פֿיל גרעסערן פֿאַרנעם[2]. אין סעפּטעמבער 2004 האָבן זיך אײַנגעשריבן צוואַנציק קינדער, פֿון פֿיר ביז עלף יאָר אַלט, וואָס ווילן זיך אויסלערנען ייִדיש. און צום ערשטן מאָל הײַיאָר ווערט די שול אָנגעפֿירט דורך צוויי פּראָפֿעסיאָנעלע קינדער־לערערקעס. וועראָניקאַ סטאָקינק, וואָס אַרבעט מיט די קליינע, איז אַ לערערין אין אַ פֿראַנצייזישן קינדער־גאָרטן און אַניק פּרים־מאַרגוליס, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט די עלטערע, איז אַ לערערין פֿון פּלאַסטישער קונסט אין אַ פֿראַנצייזישער מיטלשול[3].

די קינדערשול קומט פֿאָר צוויי מאָל אַ חודש[4], אַ זונטיק איבער אַ זונטיק[5], פֿון 2 ביז 5 אַ זייגער נאָך מיטאָג. דער פּראָגראַם באַשטייט פֿון צוויי טיילן : אַ שפּראַכקורס און קינסטלערישע וואַרשטאַטן[6]. אויף די שפּראַכלעקציעס גופֿא[7] ווערן די קינדער אײַנגעטיילט אין צוויי גרופּעס לויט[8] דעם עלטער. די קליינע (פֿון פֿיר ביז זעקס יאָר) לערנען זיך דער עיקר[9] צו רעדן – ווי אַזוי זיך פֿאָרצושטעלן, צו דערקענען די נעמען פֿון חיות[10], קאָלירן, ציפֿערן, און ענטפֿערן אויף פּשוטע[11] פֿראַגעס. זיי האָבן אַ משפּחה[12] קליינע בערעלעך[13], וואָס הייסן מאַמע בער, טאַטע בער, גיטעלע, יאַנקעלע, אאַז״וו[14]. יעדעס קינד האָט זיך זײַן אייגן בערעלע און מיט די בערעלעך שפּילן זיי טעאַטער און טראַכטן אויס קליינע מעשׂהלעך[15]. די גרויסע (פֿון זיבן ביז עלף יאָר) לערנען זיך שוין צו לייענען און צו שרײַבן.



קינדערשול בײַ דער אַרבעט

© D.R.

נאָך אַ קורצן איבעררײַס[16] (צו פֿאַרבײַסן[17] מיט אַ קיכעלע) קלײַבן זיך אַלע קינדער צוזאַמען מיט ביידע לערערקעס כּדי[18] צו זינגען, מאָלן, קנעטן[19] סקולפּטורן און נאָך אַנדערע אַקטיוויטעטן... דערבײַ[20] באַקומען זיי עלעמענטן פֿון דער ייִדישער טראַדיציע (ייִדישע יום־טובֿים[21], טראַדיציאָנעלע און נײַע קינדער־לידער). דער ערשטער פּראָיעקט האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דער טעמע בולבעס[22] – זייער אַ פּראָדוקטיווער ענין[23] און פֿול מיט ייִדישקייט ! די קינדער האָבן געזונגען דאָס ליד „זונטיק בולבע, מאָנטיק בולבע“ – און אַזוי אַרום האָבן זיי זיך

[סוף זײַט 8]

1. cette année/this year 2. ampleur/scope 3. collège/secondary school 4. khoydesh mois/month 5. un dimanche sur deux/every other Sunday 6. ateliers artistiques/arts (and crafts) workshops 7. gufe même/themselves 8. selon/according to 9. ... iker surtout/mainly 10. khayes animaux/animals 11. po'shete simples/simple 12. mishpokhe famille/family 13. nounours/teddy bears 14. און אַזוי ווײַטער 15. ma'yselekh petites histoires/little stories 16. pause 17. grignoter/snack 18. kede'y pour/in order to 19. modeler/knead, form 20. en même temps/along with these 21. yontoyvim fêtes/holidays 22. pommes de terre/potatoes 23. inyen sujet/subject

# צווישן צוויי וועלטן – אַ וואָרט וועגן קלמן סעגאַל

**מאַגדאַלענאַ רוטאַ, אַ פֿאָרשערין[1] אויף דעם יאַגיעלאָנישן אוניווערסיטעט אין קראָקע[2], פּוילן, האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ בוך אויף פּויליש וועגן קלמן[3] סעגאַל. זי האָט אונדז געשיקט אויף ייִדיש דעם ווײַטערדיקן טעקסט, אַ קורצן איבערבליק איבער דעם שרײַבער.**

איך וויל דאָ דערציילן וועגן קלמן סעגאַלן (1980-1917) – דעם לעצטן מאָדערנעם צווייישפּראַכיקן מחבר[4], וואָס האָט געלעבט און געשאַפֿן אין פּוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה[5].

ער איז געבוירן געוואָרן אין סאַנאָק (גאַליציע), ווו ער האָט זיך געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע. די מלחמה־יאָרן האָט ער דורכגעלעבט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[6], פֿאַרשיקט[7] אין סיביר. אין 1946 נאָך זײַן צוריקקומען קיין פּוילן האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אויף ייִדיש, דער עיקר[8] וועגן דער ייִדישער וועלט פֿון פֿאַר דער מלחמה. אַ ביסל שפּעטער האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט[9] זײַנע ערשטע פּוילישע ווערק, מײַסטנס אויף דער זעלביקער טעמע. אויף פּויליש האָט ער געשריבן נאָר פּראָזע, אויף ייִדיש – סײַ ראָמאַנען און דערציילונגען, סײַ[10] לידער. ביזן יאָר 1969 האָט ער פּובליקירט 25 ביכער, צווישן זיי זיבן אויף ייִדיש : דרײַ בענד לידער און פֿיר פּראָזע־זאַמלונגען.

די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע פֿון דער פּוילישער רעגירונג האָט אים געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן פּוילן אין 1969. ער איז עולה געווען[11] אין ישׂראל[12] און זיך באַזעצט אין ירושלים[13], ווו ער האָט אָפּגעדרוקט נאָך צוויי פּראָזע־ביכער, ווי אויך די פֿערטע און די לעצטע לידער־זאַמלונג. ער איז געשטאָרבן אין 1980 פֿון אַ האַרצאַטאַק.

ס'איז אינטערעסאַנט אַז אַ סך פֿון זײַנע דערציילונגען האָבן צוויי ווערסיעס – אַ פּוילישע און אַ ייִדישע – וואָס זענען זייער ענלעך, כאָטש[14] ניט אידענטיש. ס'קען זײַן אַז ווען ניט דער חורבן[15], וואָלט ער אפֿשר[16] געשריבן נאָר אויף פּויליש. דאָס געפֿיל אַז ער, דער לעבן־געבליבענער, געהערט צום אויסגעהרגעטן[17] ייִדישן פֿאָלק, האָט אים געשטויסן[18] עדות[19] צו זאָגן, און טאַקע אויף ייִדיש. אָבער ס'דאַכט זיך אַז צו שרײַבן אויף פּויליש איז אים נאָך אַלץ געווען וויכטיק, און ער האָט טאַקע מער געשריבן אויף פּויליש ווי אויף ייִדיש. ער האָט זיך געסטאַרעט[20] צו שאַפֿן אין פּויליש אַזאַ וויזיע פֿון דער וועלט, וואָס זאָל „רעדן“ צו די פּוילישע לייענערס. צוליב דעם האָט ער באַנוצט פֿאַרשיידענע סטיליסטישע מיטלען (אַ סך מער אַדיעקטיוון, עפּיטעטן, פֿאַרשיידענע סינאָנימען), דיפֿערענצירט דעם טאָן פֿון די דערציילונגען פֿאַרטיפֿנדיק די קאָמישע צי טראַגישע עלעמענטן. ס'וואָלט געקענט זיך דאַכטן אַז פֿון דעם קינסטלערישן קוקווינקל זענען די פּוילישע טעקסטן בעסער, נאָר ס'איז פּונקט פֿאַרקערט – זיי זענען אַ ביסל צו באָמבאַסטיש[21]. די ייִדישע, מיט זייער פּשטות[22], קלינגען נאַטירלעכער.

אַפֿילו[23] אין ישׂראל האָט ער געשריבן סײַ אויף ייִדיש, סײַ אויף פּויליש, איבערטײַטשנדיק[24] זײַנע דערציילונגען פֿון איין שפּראַך אין דער צווייטער. נאָר דעמאָלט האָט ער שוין געוווּסט אַז זײַן ליבע צו פּוילן איז געבליבן אין אַ געוויסן זינען אָן אַן ענטפֿער. לאָמיר לייענען אַ ליד מיטן טיטל *1946* וואָס ער האָט געשריבן נאָכן קעלצער פּאָגראָם[25].




**מאַגדאַלענאַ רוטאַ, „צווישן צוויי וועלטן : וועגן קלמן סעגאַל“, קראָקע, 2003 (אויף דער הילע אַ בילד פֿון אַדאַם מושקאַ)** **© D.R.**

**1946**

פֿונעם בוך *לידער* (וואַרשע, 1952)

כ'האָב ווידער געזען מײַן אַלטע היים,
מיט ווילדן ווײַן[26] באַוואָקסן,
מיט זון באַשײַנט.

אין אַלע פֿענצטער זענען גאַנץ די שויבן ;
און אַלע שינדלען[27] זענען דאָ אין דאַך ;
ס'בליִען געל און רויט די רויזן,
ס'וואָרקען[28] ערגעץ מײַנע טויבן,
[…]
נאָר ס'איז די שטוב פֿאַרמאַכט.

[…]
און אין דעם פֿענצטער שטייט אַ לץ[29]
און לאַכט אויס מיר,
און לאַכט –

[סוף זײַט 2]

1. chercheuse/researcher 2. université Jagiellon, Cracovie/Jaggiellonian University, Krakow 3. kalmen 4. mekhaber auteur/author 5. milkhome guerre/war 6. Union soviétique/Soviet Union 7. déporté/deported 8. … iker surtout/mainly 9. publié/published 10. à la fois … et …/both… and … 11. … oyle… a immigré/immigrated 12. yisroel Israël13. yerusholaim Jérusalem 14. bien que/although 15. khurbm Shoah 16. efsher peut-être/perhaps 17. o'ysgehargetn exterminé/exterminated 18. incita/prompted 19. eydes … témoigner/bear witness 20. s'est efforcé/endeavored 21. pompeux/bombastic 22. pashtes simplicité/simplicity 23. afile même/even 24. traduisant/translating 25. pogrom de Kielce (1946)/Kielce pogrom (1946) 26. vigne vierge/ivy 27. bardeaux/shingles 28. roucoulent/coo 29. lets lutin/prankster

[סוף פֿון זײַט 2]

כ'האָב זיך פֿאַרשעמט, פֿאַרשעמט.
עס האָט אַ ווייטיק מיך פֿאַרקלעמט[30],
געדריקט.
עס האָבן טרערן מיך געשטיקט.

נאָר איין גרינע לאָנקע[31] שווײַגט מיט קימל[32],
דער גאָרטן – מיט זשאַסמין.
און ס'לעכערט דורך[33] מײַן בליק
עקשנותדיק[34] דעם הימל :
– איך וועל נישט גיין פֿון דאַנען, כ'וועל
נישט גיין !

ער האָט דאָס ליד איבערגעזעצט אויף פּויליש („סאַמאָטני דאָם“, דאָס איינזאַמע הויז), נאָר קיין מאָל נישט אָפּגעדרוקט. איבערגעזעצט אויף ייִדיש קלינגען די לעצטע שורות[35] אַזוי :

[...]
איך בין אַליין און ווער צעזעצט פֿון
בענקשאַפֿט –

איך בין דאָ – און וועל נישט גיין פֿון דאַנען,
אַפֿילו אויב איך וואָלט געהאַט וווּהין – – –

ס'דאַכט זיך אַז דער ייִדישער טעקסט איז געשריבן געוואָרן פֿריִער, ווען דער מחבר איז געווען שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט און פֿאַרביטערט נאָכן פּאָגראָם. און איצט קומט נאָך די דריטע ווערסיע, אָפּגעדרוקט אין ישׂראל אין 1979, 33 יאָר נאָכן פּאָגראָם, 10 יאָר נאָכן עולה זײַן.

**1946**
(אַ פֿראַגמענט, פֿונעם בוך *געזעגענונג*,
ירושלים, 1979)

[...]
נאָר איין גרינע לאָנקע שווײַגט מיט קימל
דער גאָרטן – מיט זשאַסמין
און ס'לעכערט דורך מײַן בליק עקשנותדיק
דעם הימל
זאָל איך גיין ?

ווּהין ?

30. oppressé/oppress 31. prairie/meadow 32. cumin/caraway 33. דורכלעכערן trouer/to bore a hole in 34. aksho'nesdik avec obstination/obstinately 35. shures lignes/lines.

# אַ נײַע פֿאָרשונג[1] וועגן איציק מאַנגער

## פֿון מאַנועלאַ בעקער




אין זלמן[2] רייזענס *לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע* (ווילנע, 1927) שטייט געשריבן אַז איציק מאַנגער איז געבוירן געוואָרן אין בערלין. די דאָזיקע מעשׂה[3] האָט דער פּאָעט אַליין פֿאַרשפּרייט. אַ מאָל פֿלעגט ער אויך זאָגן אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאַס[4] אָדער „אין באַן פֿון בערלין קיין טשערנאָוויץ“. איציק מאַנגער, וואָס איז טאַקע געבוירן געוואָרן ניט אין יאַס, ניט אין בערלין און ניט אין באַן, נאָר אין טשערנאָוויץ גופֿא[5], האָט תּמיד[6] ליב געהאַט צו מיסטיפֿיצירן זײַן אייגן לעבן. ער האָט געשאַפֿן אַ בילד פֿון אַ וואַגאַבונד, אַ דאָן־זשואַן, אַ שיכּור[7]. און דאָס רובֿ[8] מענטשן פֿון זײַן תּקופֿה[9], ווי אויך שפּעטערע ביאָגראַפֿן, האָבן דאָס אָנגענומען פֿאַר אמת[10]. די מעשׂיות וועגן די באָבע־זיידע אין די שטעטלעך סטאָפּטשעט און קאָלאָמיי האָבן אַ פּנים[11] ביאָגראַפֿישע פּרטים[12], נאָר זיי זענען קודם־כּל[13] דיכטונג.

די ישׂראלדיקע[14] פֿאָרשערין אפֿרת גל־עד[15] האָט אויף דעם סימפּאָזיום פֿון ייִדיש־שטודיעס וואָס איז פֿאָרגעקומען הײַיאָר אין דיסלדאָרף גערעדט וועגן „דיכטונג און אמת אין איציק מאַנגערס ביאָגראַפֿיע“. אפֿרת גל־עד האַלט אין צוגרייטן אַ ביאָגראַפֿיע פֿונעם גרויסן פּאָעט און דערפֿאַר פֿאָרשט זי אין דער נאַציאָנאַל־ און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים[16], ווו עס געפֿינט זיך דער איציק־מאַנגער־אַרכיוו. אין איר שפּאַנענדיקן[17] רעפֿעראַט האָט זי באַוויזן[18] צו ווײַזן קלאָר און שאַרף די סתּירות[19] אין מאַנגערס צעריסן לעבן, דעם שווערן כאַראַקטער זײַנעם, נאָר אויך זײַן טיפֿקייט. אָקערשט[20] האָט אפֿרת גל־עד פֿאַרעפֿנטלעכט[21] אין דײַטשלאַנד אַן אַנטאָלאָגיע מיטן טיטל *טונקלגאָלד*[22], אַן אָפּקלײַב פֿון מאַנגערס פּאָעזיע פֿון אַלע תּקופֿות. זי האָט אַליין איבערגעזעצט די מערהייט פֿון די לידער און דאָס וויכטיקסטע איז בײַ איר געווען אַז די איבערזעצונג זאָל בלײַבן נאָענט צום ייִדישן אָריגינאַל. דער רעזולטאַט איז טאַקע זייער געראָטן[23] און ס'איז אַרויסגעקומען אַ טײַער בוך מיט מער ווי 60 לידער און דערצו אַ סך אינפֿאָרמאַציעס וועגן די לידער און וועגן מאַנגערס לעבן, מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿונעם מאַנגער־אַרכיוו, וואָס אַ טייל פֿון זיי זענען פֿאַרעפֿנטלעכט דאָ צום ערשטן מאָל.
דאָס בוך איז אינטערעסאַנט קודם־כּל פֿאַר לייענערס וואָס קענען דײַטש, נאָר ניט בלויז פֿאַר זיי. צוליב צוויי סיבות[24] איז די אויסגאַבע[25] אויך כּדאַי[26] פֿאַר אַלע מאַנגער־ליבהאָבערס. ערשטנס זענען אַלע לידער אויך אָפּגעדרוקט אין ייִדיש (מיט העברעיִשע אותיות[27] און טראַנסליטערירט), צווייטנס איז אינעם בוך פֿאַראַן אַ קאָמפּאַקטל[28] ווו איציק מאַנגער גופֿא רעציטירט זײַנע לידער.
אַ חידוש[29] צו הערן דעם גרויסן דיכטערס אייגן קול[30] !

1. recherche/research 2. zalmen 3. mayse histoire/story *plur.* מעשׂיות mayses 4. Jassy (Roumanie) 5. gufe même/itself 6. tomid toujours/always 7. shiker ivrogne/drunkard 8. ... rov majorité/majority 9. tkufe époque/time 10. emes vrai/true 11. aponem apparemment/it seems 12. protim détails, *sing.* פּרט prat 13. koydem-kol tout d'abord/first of all 14. yisro'eldike israélienne/Israeli 15. efrat gal-ed 16. yerusholaim Jérusalem 17. passionnant/exciting 18. a réussi/was able 19. stires contradictions 20. récemment/just recently 21. a publié/published 22. *Dunkelgold* (Jüdischer Verlag im Suhrkamp Verlag, Frankfurt am Main, 2004) 23. réussi/successful 24. sibes raisons/reasons 25. édition 26. keda'y utile/useful 27. oysyes caractères/characters 28. C.D. 29. a khidesh quelle merveille !/a wonder ! 30. kol voix/voice.

*אַלינאַ פּאָלאָנסקאַיאַ פֿון מאָסקווע, וואָס שטודירט איצטער אין פּאַריז, האָט אָנטייל גענומען אינעם 7טן סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד און אונדז צוגעשיקט איר באַריכט. דער סימפּאָזיום קומט פֿאָר יעדעס יאָר אין טריר אָדער אין דיסלדאָרף. דאָס יאָר איז עס געווען אין דיסלדאָרף, פֿונעם 4טן ביזן 6טן אָקטאָבער 2004.*

# ייִדיש אין דיסלדאָרף



**אַנאַ קוקאַ**
**אויפֿן סימפּאָזיום**
**אין דיסלדאָרף**
**© D.R.**

דער סימפּאָזיום איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון צוויי גוט באַקאַנטע ייִדיש־פּראָפֿעסאָרן, מאַריאָן אַפּטרוט אין דיסלדאָרף און שמעון[1] נויבערג אין טריר. די טעמאַטיק איז געווען אַזאַ רײַכע אַז ס׳איז שווער אַלץ איבערצוגעבן, וועל איך דאָ פּרוּוון צו דערציילן כאָטש וועגן עטלעכע רעפֿעראַטן. פֿאַר מיר זענען געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט די רעפֿעראַטן וואָס האָבן געביטן אונדזער קוקווינקל אויף כלומרשט[2] באַקאַנטע זאַכן. אפרת גל־עד[3] האָט באַגײַסטערט דעם עולם[4] מיט אירע דערקלערונגען וועגן איציק מאַנגערס ביאָגראַפֿיע. פֿאַר וואָס און ווי אַזוי דער פּאָעט האָט אויסגעקלערט אַ מיטאָס פֿון זײַן אייגן לעבן איז אַ שײנע קשיא[5]. אַ תּירוץ[6] קען מען זוכן אין גל־עדס בוך וועגן מאַנגער (זעט אַרטיקל זײַט 3).

מאַרי שומאַכער־ברונעס פֿון פּאַריז, איצט אין בריסל, האָט פֿאָרגעשטעלט אַ נײַעם בליק אויף העלענאַ פּרץ[7], דעם שרײַבערס צווייט ווײַב, זייערע באַציִונגען און פּרצעס בריוו (אויף פּויליש און רוסיש) צו איר. פֿון די בריוו, געשריבן אין דער צײַט ווען פּרץ איז געווען אַ פּראָווינציעלער אַדוואָקאַט, קען מען שוין זען אַז ער שנײַדט זיך אויף[8] אַ גרויסן שרײַבער. די פֿאָרשערין שרײַבט איר דיסערטאַציע וועגן פּרצן און מיר קוקן אַרויס אויף דער פּובליקאַציע.

באָריס קאָטלערמאַן פֿון רמת־גן[9] האָט געאַרבעט איבער פֿאַרשיידענע נוסחאָות[10] פֿון *טבֿיה,[11] דער מילכיקער*, וואָס געפֿינען זיך אין שלום־עליכם[12] הויז אין תּל־אָבֿיבֿ[13]. אין די דרײַ כתבֿ־ידן[14] האָט דער מחבר[15] געביטן די געשיכטע פֿון חווהן[16] און איר אוקראַיִנישן מאַן, וואָס אין איין נוסח איז ער אַ ווילדער אַנטיסעמיט און אין אַ צווייטן אַ גאָלדענער יונגער־מאַן. ער האָט אויך דערציילט די פֿאַרכאַפּנדיקע געשיכטע פֿון די טעאַטער־פּיעסעס און פֿילמען וועגן טבֿיהן אין דער גאַנצער וועלט. איצט גרייט מען אַ פֿאָרשטעלונג... אין יאַפּאַן.

סימאָ מויִר איז מודיע געווען[17] אַז אין העלסינקי האַלט מען אין קאַטאַלאָגירן און אַפֿילו[18] איבערקלאַפּן אַלע ייִדישע ביכער וואָס זענען אַרויס אין רוסלאַנד פֿון 1884 ביז 1917. מען קען ניט וויסן וואָס פֿאַר אַן אוצרות[19] וואַרטן אויף אונדז... די ביכער וועלן זײַן צוגענגלעך[20] פֿאַר אַלעמען אויף אינטערנעץ.

אויסערגעוויינטלעך איז געווען אַ פּערזענלעכע געשיכטע פֿון עספּיר בראַמסאָן פֿון ווילנע. זי האָט דערציילט וועגן איר ייִדישער שול אין פֿאַרמלחמהדיקן[21] קאָוונע, אירע לערערס, אירע לערנביכער און אירע קינדער־יאָרן.

דער ייִנגסטער אָנטיילנעמער אינעם סימפּאָזיום איז געווען טרײַנע נויבערג, דאָס איין־יאָריקע טעכטערל פֿון שמעון נויבערג. קיין רעדע האָט זי נישט געהאַלטן נאָר זי האָט זיך גוט פֿאַרווײַלט קריכנדיק צווישן די רייען.

אויך די רעפֿעראַטן וועגן גראַמאַטיק, דיאַלעקטן און שפּראַך־געשיכטע זענען געווען גאַנץ אינטערעסאַנט און האָבן אַרויסגערופֿן שאַרפֿע וויכּוחים[22].

אין די הפֿסקות[23] האָבן מיר געקענט זען אַ ווּנדערלעכע אויסשטעלונג פֿון ייִדישע ביכער־אילוסטראַציעס פֿון 20סטן יאָרהונדערט. זיי זענען געווען פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און סטילן : אין יוגנדסטיל, אַ בוך פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד (בערלין, 1902) אילוסטרירט פֿון אפֿרים־משה[24] ליליען ; אין דעם אַזוי גערופֿענעם „ייִדישן עקספּרעסיאָניזם“, אילוסטראַציעס פֿון דער מאָדערנער ישׂראלדיקער[25] קינסטלערין אָדרי בערגנער צו אַ בוך פֿון מלך[26] ראַוויטש (בוענאָס־אײַרעס, 1962) ; סאָוועטישע קינדערביכער מיט בילדער פֿון אל. ליסיצקי[27] ; מלחמה־בילדער פֿון יאָסל בערגנער, מולא בן־חיים[28] און משה[29] בערנשטיין. אַלע ביכער קומען פֿון דער ביבליאָטעק פֿונעם דיסלדאָרפֿער אוניווערסיטעט.



1. shimen 2. kloymersht soit-disant/supposedly 3. efrat gal-ed 4. oylem public 5. kashe question 6. terets *ici* réponse/*here* answer 7. perets 8. il est en train de devenir/he has the makings of 9. ramat-gan 10. nuskhoes versions *sing.* נוסח nusekh 11. tevye 12. sholem-aleykhem 13. tel-aviv 14. ksav-yadn manuscrits/manuscripts 15. mekhaber auteur/author 16. khaven de Khave/of Khave 17. medie ... a fait savoir/announced 18. afile même/even19. oytsres trésors/treasures 20. accessibles/accessible 21. farmilkho'medikn d'avant-guerre/pre-war 22. vikukhim discussions/debates *sing.* וויכּוח vikuekh 23. hafsokes pauses/breaks 24. efroyim-moyshe 25. yisro'eldiker israélienne/Israeli 26. meylekh 27. El Lissitzky 28. mula ben-khaim 29. moyshe.

# זיצן און ליגן

אינעם לעצטן נומער זײַנען מיר געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אַרום די אויסדרוקן[1] מיט גיין און **שטיין**. איצטער לאָמיר זיך אָפּשטעלן[2] אויף די ווערבן **זיצן** און **ליגן**.

אַז אַ מענטש **זיצט** אויף אַ שטול און **ליגט** אין אַ בעט, דאָס ווייסן אַלע. נאָר וואָס נאָך **זיצט** ? געוויינטלעך דערמאָנט **זיצן** אַ רויִק בילד : זיצן שטילערהייט[3], זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט[4]... אָבער ווען אַ מענטש **זיצט אויף שפּילקעס**[5] מיינט עס אַז ער קען נישט זיצן, ער איז זייער נערוועיִש. וועגן אַ מענטשן וואָס ער קען קיין מאָל נישט בלײַבן רויִק, וואָס האָט נישט קיין געדולד, זאָגט מען אַז ער האָט נישט קיין **זיצפֿלייש**. **פֿאַרזיצן**, געזאָגט וועגן אַ מיידל, מיינט אַז זי האָט נישט חתונה געהאַט[6]. אַזאַ מיידל פֿלעגט מען אַ מאָל רופֿן אַ **פֿאַרזעסענע** אָדער אַן אַלטע מויד.





דאָס איז אָבער געווען פֿאַר דער פֿרויענרעכט־באַוועגונג[7] ! הײַנט זאָגט מען עס נישט – דאָס איז נישט „פּאָליטיש קאָרעקט“. נאָך אַ מאָדנער[8] פֿאַל[9] פֿון **זיצן** איז **זיצן אין תּפֿיסה**[10]. ס׳איז גענוג צו זאָגן „ער זיצט“ מע זאָל פֿאַרשטיין אַז ער זיצט נישט בײַ זיך אין דער היים, נאָר טאַקע אין תּפֿיסה. „ער איז אָפּגעזעסן צען יאָר“ מיינט : ער האָט דורכגעמאַכט צען יאָר אין טורמע[11], אָדער מיט אַן אייפֿעמיזם – אין חדר, אין קאָזע, אין חד גדיא[12]...

און וואָס **ליגט** ? פּאַפּיר און בלײַערס **ליגן** אויפֿן טיש אָדער אינעם שופֿלאָד[13]. געלט קען **ליגן** אין קעשענע נאָר ס׳איז בעסער ווען עס **ליגט** אין אַ סייף[14]. אַ געדאַנק **ליגט עמעצן אין זינען** – דאָס הייסט אַז ער טראַכט וועגן דעם. פֿאַרקערט, אויב ער טראַכט אין גאַנצן נישט וועגן דעם קען ער זאָגן : „עס ליגט מיר אין דער לינקער פּיאַטע“[15] אָדער „עס ליגט מיר אין דער לינקער פּאה“[16] ! די פּיאַטע, פֿאַרשטייט זיך, איז טאַקע ווײַט פֿונעם קאָפּ. נאָר די פּאה ? און פֿאַר וואָס דווקא[17] די לינקע ? אַ מיסטעריע ! און אַז מען לייזט[18] אַ מיסטעריע אָדער מען דערטאַפּט[19] אַ פּראָבלעם מעג מען ניצן נאָך אַ בילדערישן[20] אויסדרוק מיט **ליגן** : „אַהאַ – מעג מען אויסשרײַען – דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן“[21].



„ליגן אין דר׳ערד“[22] מיינט דאָס זעלבע ווי „זײַן אויף צרות“[23]. פֿון אַזאַ אויסדרוק שאַפֿט דאָס פֿאָלק אַזעלכע שיינע ווערטלעך ווי „ער ליגט אין דר׳ערד און באַקט בייגל !“



אַגבֿ[24], ס׳איז דאָ אַן אַנדער וואָרט **ליגן** וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין פּאָזיציע : **אַ ליגן** איז דאָס פֿאַרקערטע פֿון דעם אמת[25] – אַ **ליגנער** איז דער וואָס זאָגט **ליגנס**, אָדער שטאַרקער געזאָגט, ער האַקט, באַקט אָדער בראָקט ליגנס. לאָמיר געבן דאָס לעצטע וואָרט



דעם באַליבטן שרײַבער איציק מאַנגער. רעדנדיק וועגן אַ גרויסן ליגנער, זאָגט ער : „ער בראָקט ליגנס ווי אַ יִידענע לאָקשן[26] !“.

### פֿאַרגעסט נישט !

דיביידע ווערבן (ווי אויך די צוויי פֿון לעצטן נומער) קאָניוגירן זיך מיט „זײַן“ און האָבן אומרעגולערע פּאַרטיציפּן :

גיין – איך בין געגאַנגען

שטיין – דו ביסט געשטאַנען

זיצן – זי איז געזעסן

ליגן – ער איז געלעגן



### שפּריכווערטער

– אַז מען זיצט אין דער היים צערײַסט מען ניט די שיך.

– אַז מען ליגט אויף דער ערד, קען מען נישט פֿאַלן.

– אַ פֿוילער[1] שלאָפֿט זיצנדיק און אַרבעט ליגנדיק.

– גאָט זיצט אויבן און פּאָרט[2] אונטן.

– אַז דער קאָפּ איז אַ נאַר, ליגט דער גאַנצער גוף[3] אין דר׳ערד.

– דער וואָרעם[4] זיצט אין כריין[5] און מיינט אַז קיין זיסערס איז נישטאָ !

1. paresseux/lazy man 2. fait des mariages/makes matches 3. guf corps/body 4. ver/worm 5. raifort/horseradish.

1. expressions 2. penchons-nous sur/let us stop to consider 3. tranquillement/quietly 4. les bras croisés/with arms folded 5. épingles/pins 6. kha'sene ... ne s'est pas mariée/is not married 7. M.L.F./Women's Lib 8. étrange/odd 9. cas/case 10. tfise prison 11. prison 12. ... kheyder ... khad-ga'dye *3 mots d'argot pour/3 slang words for* prison 13. tiroir/drawer 14. coffre-fort/safe 15. plante des pieds/sole of foot 16. peye papillotte/sidecurl 17. dafke justement/precisely 18. résoud/solve 19. découvre/discover 20. pittoresque/picturesque 21. voilà le hic ; c'est là où le bât blesse/there's the rub !; that's the fly in the ointment 22. *lit.* être étendu sous terre/*lit.* lie in the earth 23. ... tsores avoir de gros problèmes/to be in deep trouble 24. agev à propos/by the way 25. emes vérité/truth 26. (débite) des nouilles/(shreds) noodles.

פֿאָרווערטס

אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס אין אָקטאָבער און נאָוועמבער 2004

# רעזשיסאָר[1] בעניניס נײַסטער פֿילם זוכט הומאָר אין איראַק־מלחמה[2]

רוים. – אין 1998 איז דער איטאַליענישער רעזשיסאָר ראָבערטאָ בעניני אָנערקענט געוואָרן איבער דער וועלט פֿאַר זײַן חורבן[3]־פֿילם *דאָס לעבן איז שיין*, ווו ער האָט דווקא[4] מיט הומאָר איבערגעגעבן די געשיכטע פֿון אַ ייִדישן פֿאָטער מיט זײַן זון אין אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער. בעניני, וועלכער האָט נישט בלויז רעזשיסירט, נאָר אויך געשפּילט די ראָלע פֿונעם טאַטן, איז קריטיקירט געוואָרן פֿאַר שילדערן[5] דעם חורבן מיט הומאָר. פֿונדעסטוועגן[6], האָט בעניני געוווּנען דעם „אָסקאַר“ פֿאַרן בעסטן אַקטיאָר, און דער פֿילם אַליין האָט געוווּנען די „אָסקאַרס“ פֿאַר דעם בעסטן אויסלענדישן פֿילם און דער


ראָבערטאָ בעניני © D.R.

בעסטער פּאַרטיטור[7].

איצט אַרבעט בעניני אויף אַ קאָמעדיע וועגן אַ הײַנטיקער אָנגעווייטיקטער[8] סיטואַציע. *דער טיגער און דער שניי* איז אַ סענטימענ־טאַלער פֿאַרס וועגן דער איראַק־מלחמה.

בעניני שפּילט די ראָלע פֿון אַ שלימזלדיקן[9] פּאָעט, וואָס פֿאַרליבט זיך אין אַ מיידל (געשפּילט דורך זײַן אמתדיקער[10] פֿרוי, ניקאָלעטאַ בראַשי) און געפֿינט זיך אומגעריכט[11] אין איראַק, בײַם אָנהייב פֿון דער אַמעריקאַנער אינוואַזיע אין מערץ 2003.

אין אַן אינטערוויו אויף דער איטאַליענישער ראַדיאָ האָט בעניני דערקלערט : „די מענטשלעכע טבֿע[12] איז אַזאַ : דווקא ווען מע וואַרפֿט אונדז אַרײַן אין פֿײַער, דערוויסן מיר זיך, ווי אַזוי אויסצושטרעקן די פֿליגלען...“

די איטאַליענישע סצענעס האָט מען שוין פֿילמירט אין רוים, און בקרובֿ[13] וועט מען אָנהייבן פֿילמירן די איראַקישע עפּיזאָדן אין אַ פֿאַרלאָזטן[14] טייל פֿון סאַרדיניע. בעניני האָפֿט אַז דער פֿילם וועט אַרויסגעלאָזט ווערן אינעם קומענדיקן יאָר.

1. réalisateur/director 2. milkhome guerre/war 3. khurbm Shoah 4. dafke justement/precisely 5. dépeindre/depict 6. néanmoins/nevertheless 7. partition (musique)/score (music) 8. douloureux/painful 9. shlima'zldikn malheureux/unfortunate 10. e'mesdiker véritable/real-life 11. inopinément/unexpectedly 12. teve nature 13. bekorev bientôt/soon 14. reculé/remote.



# „די קונסט פֿון ייִדיש“ : לאָס־אַנדזשעלעס, פֿונעם 19טן ביזן 25סטן דעצעמבער

דער „קאַליפֿאָרניער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער שפּראַך און קולטור“ וועט צום פֿינפֿטן מאָל אָרגאַניזירן זײַן יערלעכן[1] סעמינאַר „די קונסט פֿון ייִדיש“. דאָס יאָר וועט די טעמע זײַן „אַ ליכטבריק[2] אַרום דער וועלט“. דער וואָך־לאַנגער סעמינאַר וועט פֿאָרקומען פֿונעם 19טן ביזן 25סטן דעצעמבער 2004, אין „סקירבאָל־קולטור־צענטער“ אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפֿאָרניע.

יעדן טאָג וועלן די שפּראַכלערערס – יעקבֿ[3] באַסנער, פּסח[4] פֿישמאַן, חנה[5] גאָנשאָר, יצחק[6] ניבאָרסקי און שבֿע[7] צוקער – לערנען די ייִדישע שפּראַך מיט די תּלמידים[8], דרײַ שעה[9] אַלע טאָג. בײַ טאָג וועט מען קענען הערן אַ ציקל לעקציעס. פּראָפֿ' דוד[10] שנייער פֿונעם דענווער אוניווערסיטעט וועט האַלטן לעקציעס וועגן דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור ; פּראָפֿ' יצחק ניבאָרסקי פֿון פּאַריז וועט האַלטן זײַנע לעקציעס וועגן דער ייִדישער קולטור אין אַרגענטינע און פֿראַנקרײַך אויף ייִדיש ; סאָבעל בענדער וועט רעדן אויף דער טעמע „שאַגאַל און דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער“ ; מאַרק שמידט וועט האַלטן אַ רעפֿעראַט אויף דער טעמע „ייִדישע בוך־דעדיקאַציעס“.

אין מוזיקאַלישן טייל פֿון דער וואָך וועלן


מרים קאָראַל, די דירעקטאָרשע פֿונעם אינסטיטוט © D.R.

אויפֿטרעטן[11] דזשעף וואַרשאַוער און דבֿורה[12] שטראַוס אין אַ פּראָגראַם

[סוף זײַט 7]

1. annuel/annual 2. pont de lumière/bridge of light 3. yankev 4. peysekh 5. khane 6. yitskhok 7. sheve 8. talmidim élèves/students 9. sho heure/hour 10. dovid 11. se produire/perform 12. dvoyre

# פֿילם דערציילט די געשיכטע פֿון די אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניעס

בוענאָס־אײַרעס (ייִט״אַ[1]). – ס'האָט געדויערט כּמעט[2] צען יאָר צו פֿאַרענדיקן דעם דאָקומענטאַר־פֿילם *לעגאַדאָ* (דער עזבֿון[3]), וואָס שילדערט[4] דאָס אַמאָליקע לעבן פֿון די אַרגענטינער ייִדישע „גאַוטשאָס“ – און, צום באַדויערן, זענען במשך[5] פֿון דער צײַט נפֿטר געוואָרן[6] אַ סך פֿון די אַלטע לײַט, וואָס מע האָט זיי אינטערוויוירט פֿאַרן פֿילם.
אפֿשר[7] דערפֿאַר איז די שטימונג אויף דער פּרעמיערע מיט צוויי וואָכן צוריק געווען אַזאַ עמאָציאָנעלע. ווען דער פֿילם האָט זיך געענדיקט, האָט דער עולם[8] רעאַגירט מיט אַ שטייענדיקער אָוואַציע, מענטשן האָבן זיך אַרומגענומען און אויסגעדריקט זייער ענטוזיאַזם אויף ייִדיש. וויוויאַן אימאַר, וואָס האָט אין איינעם מיט מאַרסעלאָ טראָטאַ רעזשיסירט[9] דעם פֿילם, האָט געזאָגט אַז דער רירנדיקסטער מאָמענט בײַם מאַכן און זען דעם פֿילם איז געווען, ווען מע גייט אַריבער פֿון שפּאַניש אויף ייִדיש. „עס האָט מיך דערנענטערט צו דער געשיכטע פֿון מײַנע אייגענע באָבע־זיידע“, האָט אימאַר באַמערקט.

דער 72־מינוטיקער פֿילם, פּראָדוצירט דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער ראַול־וואַלענבערג־פֿונדאַציע, מיט דער פּערזענלעכער הילף פֿון איינעם פֿון אירע גרינדער, ברוך[10] טענענבאַום, דערציילט די געשיכטע פֿון 820 ייִדן, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן פֿון די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד אין 1889 און געקומען מיט דער שיף *וועזער* קיין אַרגענטינע. די אימיגראַנטן האָבן זיך באַזעצט אין די פּראָווינצן ענטרע ריאָס, סאַנטאַ פֿע און בוענאָס־אײַרעס, ווו זיי האָבן געגרינדעט קאָלאָניעס, פֿינאַנצירט דורכן ייִדישן פֿילאַנטראָפּ באַראָן הירש.


באַראָן הירש © D.R.

באַקאַנטע אַרטיסטן ווי שיפֿרה[11] לערער פֿלעגן אויפֿטרעטן[12] אין די [...] קאָלאָניעס. אינעם פֿילם, וואָס מע האָט שוין געוויזן אויף עטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע קינאָ־פֿעסטיוואַלן, דערציילט לערער, אויף ייִדיש, וועגן אַ פֿרוי וואָס איז אָנגעקומען אין אַרגענטינע ווי אַ צען־יאָריק מיידעלע; צום סוף[13] פֿונעם פֿילם ווייס שוין דער עולם וועגן די קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך פֿון דער פֿרוי און מע זעט ווי זיי קומען אויף יום־כּיפּור[14] צו איר אין דער קאָלאָניע.

אַרויסגייענדיק פֿון קינאָ האָט דער ישׂראלדיקער[15] אַמבאַסאַדאָר, רפֿאל אלדד[16], דערקלערט: „יענער דור[17] ייִדן איז געווען אַזוי שטאַרק אײַנגעוואָרצלט[18], געהאַט אַזאַ עקשנות[19]. הײַנט, זענען מיר אַ סך פֿאַרמעגלעכער[20] ווי זיי זענער געווען, און דאָך איז אונדזער פֿאָלק אין סכּנה[21] פֿון אונטערגיין[22].“

1. ייִדישע טעלעגראַפֿן־אַגענטור 2. kima't presque/nearly 3. izovn legs/legacy 4. dépeint/depicts 5. bemeshekh pendant/during 6. nifter ... ont disparu/died 7. efsher peut-être/perhaps 8. oylem public/audience 9. réalisé/directed 10. borekh 11. shifre 12. se produisaient/performed 13. sof fin/end 14. yom kiper 15. yisro'eldiker israélien/Israeli 16. refoel eldad 17. dor génération 18. enraciné/deeply rooted 19. akshones obstination/obstinacy 20. plus fortunés/better off 21. sakone danger 22. disparaître/disappearing.

[סוף פֿון זײַט 6]

פֿון מוזיק, ליד און טענץ. צום סוף[13] פֿון דער וואָך, שבת[14], דעם 25סטן דעצעמבער, פֿון 8:00 ביז 10:00 אין אָוונט, וועלן אויפֿטרעטן טעאָדאָר ביקל, מײַק בורשטיין, שטראָס און וואַרשאַוער אין אַ בענעפֿיט־קאָנצערט.
דער דירעקטאָר פֿונעם „אינסטיטוט“ איז מרים[15] קאָראַל. בליצפּאָסט־אַדרעס: Miriam@yiddishinstitute.org
טעלעפֿאָן: 323–692–8151

13. sof fin/at the end 14. shabes 15. miryam.


## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן: פֿאַראייניקטע שטאַטן[1]: איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר
איבער דער וועלט: ים־פּאָסט[2]: איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3]: איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען: ........................................ קרעדיט־קאַרטע־נומער: ........................................
אַדרעס: ........................................ אויסגאַנג[4]־דאַטע: ........................................
........................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס: The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA
בליצפּאָסט־אַדרעס: faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. yam-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# פֿאַר וואָס איך האָב געוואָלט זיך לערנען ייִדיש

ווען איך בין געווען אַ קינד האָב איך שטענדיק געהערט רעדן ייִדיש. טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט אויף פֿראַנצייזיש אָבער ווען זיי האָבן נישט געוואָלט אַז די קינדער זאָלן פֿאַרשטיין – אַוודאי[1] אויף ייִדיש. דער עיקר[2] האָבן גערעדט ייִדיש די באָבע־זיידע, צווישן זיך און אויך מיט זייערע טעכטער, די מאַמע און די מומע. אויך רוסיש האָבן זיי גערעדט מיט די טעכטער.

און וואָס האָב איך געהערט ?

„מוניע, איך גיי אַראָפּ !“ אָדער „מוניע, איך גיי אַוועק !“ – אַזוי האָט געשריִען די באָבע פֿון דער טיר ביז דעם וואַרשטאַט[3] ווו דער זיידע האָט געאַרבעט, אין דער זעלבער דירה[4], ווען זי האָט געדאַרפֿט אַראָפּגיין עפּעס קויפֿן. אָט די ווערטער זײַנען טאַקע צווישן די ערשטע וואָס איך האָב געהערט אין ייִדיש.

אַוודאי, אַזוי ווי איך בין געווען אַ קינד מיט אָנגעשפּיצטע אויערן[5], האָב איך אַלץ געהערט, אַלץ אײַנגעשריבן בײַ זיך אין קאָפּ. די ווערטער זײַנען געבליבן טיף אײַנגעקריצט[6] ערגעץ ווו בײַ מיר אין זכּרון[7]. רעדן אָבער האָב איך נישט געקענט, די ווערטער זײַנען קיין מאָל נישט אַרויסגעקומען פֿון מויל אַרויס.

פֿאַר וואָס ? הײַנט מיין איך אַז ייִדיש איז געווען פֿאַר מיר עפּעס ווי אַ זאַך בלויז פֿאַר דערוואַקסענע מענטשן. אַנדערע ווערטער האָב איך אויך געהערט און נישט געקענט אַרויסזאָגן – דאָס הייסט, איך האָב געפֿילט אַז זיי זײַנען נישט „פֿאַר מיר“. זיי זײַנען נישט געווען קיין גראָבע רייד[8], חלילה[9]. ניין, זיי זײַנען געווען פּשוטע[10] ווערטער וועגן ייִדן, וועגן מלחמה[11], חורבן[12], און נאָך אַזעלכע.

די דערוואַקסענע האָבן נישט געוווּסט אַז אַ קינד פֿאַרשטייט אַ סך.

אויב איך האָב געוואָלט, מיט עטלעכע יאָר צוריק, זיך לערנען ייִדיש, נישט בלויז רעדן, נאָר אויך לייענען און שרײַבן, איז דאָ דער גרונד : איך האָב געוואָלט צוריקקריגן אַ לשון[13] פֿון וועלכן איך בין אויסגעשלאָסן געוואָרן[14].

*אַלען שפּילפּאָגעל*

1. avade bien sûr/of course 2. ... iker surtout/mainly 3. atelier/workshop 4. dire appartement/apartment 5. à l’oreille attentive/with sharp ears 6. gravés/engraved 7. zikorn mémoire/memory 8. gros mots/coarse words 9. kholile que Dieu nous préserve !/God forbid ! 10. po'shete simples/simple 11. milkhome guerre/war 12. khurbm Shoah 13. loshn langue/language 14. j’ai été exclu/I was excluded.

[סוף פֿון זײַט 1]

אויסגעלערנט די טעג פֿון דער וואָך. שפּעטער האָבן זיי געמאַכט בולבעס פֿון אײַנגעווייקטן פּאַפּיר און זיי אָפּגעפּאַרבט – אַן אופֿן[24] זיך אויסצולערנען די נעמען פֿון די קאָלירן. און חנוכּה[25]־צײַט וועלן זיי מסתּמא[26] קענען מאַכן (און עסן) לאַטקעס !

די קליינע קינדער קענען שוין ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס „ווי הייסטו ?“, „ווי הייסט דײַן בערעלע ?“, „פֿון וואָס פֿאַר אַ קאָליר איז די בולבע ?“...

די עלטערע דערקענען די אותיות[27], קענען שיין אויסמאָלן זייערע נעמען און לערנען זיך ווי אַזוי צו שרײַבן קורצע זאַצן.

אַ פּאָר פֿון די קינדער זענען שוין צוגעוווינט צו קומען אין קינדערשול, עטלעכע האָבן זיך פֿאָרט געשטעלט די פֿראַגע פֿאַר וואָס זיי זענען דאָ. נו, אַוודאי[28] – אין אַ סך פֿאַלן איז דער געדאַנק געקומען דער עיקר פֿון די עלטערן. עס זענען דאָ טאַטע־מאַמעס וואָס רעדן שוין ייִדיש טאָג־טעגלעך, אַנדערע וואָס האַלטן זיך אין לערנען די שפּראַך, נאָך אַנדערע וואָס האָבן בלויז געהערט אַ מאָל מאַמע־לשון[29] אין דער היים... כּלערליי[30] וועגן פֿירן צו ייִדיש ! ווי עס זאָל נישט זײַן[31], האָבן איצט די קינדער, נאָך אַ פּאָר באַגעגענישן, גרויס הנאה[32] זיך צו לערנען און שפּילן אויף ייִדיש !

24. oyfn façon/way 25. kha'nuke Hanouca/Hanukkah 26. mistome probablement/probably 27. oysyes lettres de l'alphabet/letters of the alphabet 28. avade bien sûr/of course 29. ... loshn yiddish 30. ko'lerley tous les/all 31. en tout cas/in any case 32. hanoe plaisir/pleasure.

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער *ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט איוועט, אַניק, בריזשיט, וועראָניקאַ, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

9